# דער בריוו פון דעם שליח פוילוס צו די עפעזער

1 פוילוס, א שליח פונם משיח יהושע/ישוע דורך ה׳ס
רצון צו די קדושים, וואס געפינען זיך אין עפעזוס און
צו די מאמינים אינם משיח יהושע/ישוע:
2 חסד צו אייך און שלום פון ג-ט אונדזער פאטער,
און פון דעם האר יהושע/ישוע המשיח.
3 געלויבט זאל זיין דער ג-ט און פאטער פון אונדזער
האר יהושע/ישוע המשיח, וואס האט אונדז געבענטשט
מיט יעדער רוחניותדיקער ברכה אין די הימלישע
ערטער אינם משיח;
4 לויט ווי ער האט אונדז אויסדערוויילט אין אים
איידער נאך די וועלט איז באשאפן געווארן, אז מיר
זאלן זיין הייליק און אָן א פעלער פאר אים אין ליבע;
5 פארויסבאשטימענדיק אונדז צו אדאפטירונג צו אים
דורך יהושע/ישוע המשיחן לויט דעם ווילגעפעלן פון
זיין רצון,
6 צום לויב פון דעם כבוד פון זיין חסד, מיט וועלכן
ער האט אונדז באגנעדיקט אין זיין געליבטן זון;
7 אין וועמען מיר האבן די ישועה דורך זיין בלוט,
די פארגעבונג פון )אונדזערע( זינד, לויט דער עשירות
פון זיין חסד,
8 וואס ער האט פארמערט לגבי אונדז אין יעדער
חכמה און פארשטענדיקייט,

9 באקאנט מאכנדיק צו אונדז דעם סוד פון זיין רצון,
לויט זיין וואוילגעפעלן, וואס ער האט פון פריער
באשלאסן אין אים,
10 כדי אין דער פארוואלטונג פון דער פולקייט פון
די צייטן איינצוזאמלען אינם משיח אלץ, וואס איז אויף
די הימלען און אויף דער ערד;
11 אין אים, אין וועמען אויך מיר זענען געווארן
יורשים, פארויס באשטימט לויט דער כוונה פון אים,
וואס ווירקט אלץ לויט דער עצה פון זיין רצון;
12 כדי מיר זאלן זיין צום לויב פון זיין כבוד, מיר,
וואס האבן פון פריער געהאפט אין דעם משיח;
13 אין וועמען אויך איר, האבנדיק געהערט דאס
ווארט פון אמת—די גוטע בשורה פון אייער ישועה—אין
וועמען אויך ווערנדיק מאמינים, איר זענט פארחתמעט
געווארן דורך דעם גייסט פון דער הבטחה—דעם רוח
הקודש,
14 וועלכער איז דער ערבון פון אונדזער ירושה, ביז
צו דער אויסלייזונג פון דעם עם סגולה, צום לויב פון
זיין כבוד.

15 צוליב דעם אויך איך, האבנדיק געהערט פון
אייער גלויבן אין דעם האר יהושע/ישוע און דער ליבע
צו אלע הייליקע,
16 הער נישט אויף אפצוגעבן א שבח פאר אייך, ווען
איך דערמאן אייך אין מיינע תפילות;
17 אז דער ג-ט פון אונדזער האר יהושע/ישוע המשיח,
דער פאטער פון כבוד, זאל אייך געבן א גייסט פון

חכמה און פון אנטפלעקונג אין דער דערקענטעניש פון
אים;
18 אז די אויגן פון אייער הארץ זאלן דערלויכטן
ווערן, כדי איר זאלט וויסן וואס איז די האפענונג פון
זיין רוף, און עשירות פון זיין הערלעכער ירושה אין די
הייליקע,
19 און ווי אומפארגלייכלעכע גרויסקייט זיין מאכט
איז לגבי אונדז, די מאמינים, לויט דער ווירקונג פון
זיין מעכטיקן כוח,
20 וועלכן ער האט געווירקט אין דעם משיח, ווען
ער האט אים אויפגעוועקט פון די טויטע און אים
אנידערגעזעצט אויף זיין רעכטער זייט אין די הימלען,
21 העכער פון יעדער הערשאפט און ממשלה און
מאכט און רעגירונג און יעדן נאמען, וואס ווערט גערופן,
נישט נאר אין דער דאזיקער וועלט, נאר אויך לעולם
הבא;
22 און אלץ האט ער געלייגט אונטער זיינע פיס און
אים אליין געגעבן ווי א ראש איבער אלעם צו דער
קהלה,
23 וועלכע איז זיין גוף, זיין פולקייט, וואס פילט אָן
אלץ אין אלעם.

# קאפיטל צוויי

1 און אייך, וואס איר זענט געוועזן טויט אין אייערע
עבירות און חטאים,

2 אין וועלכע איר זענט אמאל געווען לויט דעם
צייטלויף פון דער וועלט, לויט דעם שר פון דער מאכט
פון דער לופט, פון דעם גייסט, וואס ווירקט איצט אין
די קינדער פון ווידערשפעניקייט—
3 צווישן וועלכע מיר האבן אויך אמאל געלעבט אין
די תאוות פון אונדזער פלייש, טוענדיק דעם ווילן פון
דעם פלייש און פון דעם פארשטאנד, און לויט דער
נאטור זענען מיר געווען קינדער פון צארן פונקט אזוי
ווי אפילו די אנדערע—
4 ה׳ אבער, זייענדיק רייך אין רחמים, האט צוליב
זיין גרויסער ליבע, מיט וועלכער ער האט אונדז ליב
געהאט,
5 אפילו ווען מיר זענען געווען טויט אין די עבירות,
אונדז לעבעדיק געמאכט צוזאמען מיט דעם משיח—
מיט חסד זענט איר געראטעוועט געווארן—
6 און האט אונדז אויפגעוועקט און אונדז אוועקגעזעצט
צוזאמען מיט דעם משיח יהושע/ישוע אין די הימלישע
ערטער;
7 כדי צו ווייזן אין די קומענדיקע וועלטצייטן די שפע
פון דער עשירות פון זיין חסד אין גוטסקייט לגבי אונדז
אינם משיח יהושע/ישוע:
8 ווארום מיט חסד זענט איר געראטעוועט געווארן
דורך אמונה, און דאס נישט פון אייך אליין, עס איז א
מתנה פון ה׳;
9 נישט פון מעשים )טובים,( כדי קיינער זאל זיך נישט
בארימען.
10 ווארום מיר זענען זיין ווערק, באשאפן אינם משיח

יהושע/ישוע צו מעשים טובים, וועלכע ה׳ האט פאַרויס
צוגעגרייט, אז מיר זאלן לעבן אין זיי.

11 צוליב דעם זאלט איר געדענקען, אז אמאל זענט
איר געווען אומות )העולם( אינם פלייש, וואס זענען
גערופן געווארן ערלים פון די, וואס הייסן נמולים—
א מילה אינם פלייש, א מיט הענט געמאכטע—
12 אז צו יענער צייט זענט איר געווען אָן א משיח,
אויסגעשלאסענע פון דעם בירגער רעכט פון ישראל
און פרעמדע וואס שייך די בריתות פון דער הבטחה,
אָן א האפענונג און אָן ג-ט אין דער וועלט.
13 איצט אבער אינם משיח יהושע/ישוע איר, וואס
זענט אמאל געווען ווייט, זענט געווארן נאענט דורך דעם
)כפרה( בלוט פון דעם משיח.

14 ווארום ער איז אונדזער שלום, וועלכער האט
געמאכט די ביידע איינס און האט צעשטערט די
אפשיידנדיקע מחיצה, די שנאה, מיט זיין אייגן לייב,

15 בטל מאכנדיק די געזעץ פון מצוות און חוקות;
כדי אין זיך אליין צו באשאפן פון די צוויי איין נייעם
מענטשן, )און אזוי( מאכנדיק שלום;

16 און צו מאכן שלום די ביידע אין איין גוף צו ה׳
דורך דעם בוים, טייטנדיק די שנאה דורך אים;

17 און איז געקומען און מבשר געווען שלום צו אייך,
די וייטע און שלום צו אייך, די נאנטע;

18 ווייל דורך אים האבן מיר, די ביידע, דעם צוטריט
אין איין גייסט צום פאטער.
19 דעריבער זענט איר אזוי ארום מער נישט קיין גרים

און נכרים, נאר איר זענט מיטבירגער פון די קדושים און ה׳ס בני בית,

20 אויפגעבויט אויף דעם יסוד פון שליחים און נביאים, בשעת משיח יהושע/ישוע אליין איז דער ווינקלשטיין;

21 אין וועמען די גאנצע געביידע איז צוזאמענגעפאסט און וואקסט אויס צו א בית המקדש אין דעם האר )ג-ט(;

22 אין וועמען אויך איר ווערט מיטגעבויט פאר א וואוינונג פון ה׳ אינם גייסט.

# קאפיטל דריי

1 צוליב דעם בין איך, פוילוס—דער געפאנגענער פון דעם משיח יהושע/ישוע פאר אייך אומות )העולם(—

2 אויב איר האט געהערט פון דער פארוואלטונג פון ה׳ס חסד, וואס איז מיר געגעבן געווארן פאר אייערטוועגן,

3 אז לויט אן אנטפלעקונג איז מיר נתגלה געווארן דער סוד, ווי איך האב שוין פריער געשריבן בקיצור,

4 כדי לייענענדיק עס, זאלט איר קענען פארשטיין מיין השגה אין דעם סוד פון דעם משיח,

5 וואס איז אין אנדערע דורות נישט נתגלה געווארן צו די מענטשנקינדער ווי עס איז איצט אנטפלעקט צו זיינע הייליקע, שליחים און נביאים אינם גייסט,

6 אז די אומות )העולם( זענען מיטיורשים און מיטגלידער און מיטאנטיילנעמער פון דער הבטחה

אינם משיח יהושע/ישוע דורך דער בשורה טובה,

7 פון וועלכער איך בין געווארן א משרת לויט דער מתנה פון ה׳ס חסד, וואס איז מיר געגעבן געווארן לויט דער ווירקונג פון זיין גבורה;

8 מיר, דעם קלענסטן פון אלע קדושים, איז געגעבן געווארן דער דאזיקער חסד, אנצוזאגן צו די אומות העולם) די בשורה פון משיחס נישט אויספארשבארער עשירות;

9 און אלעמען צו באלויכטן, וואס עס איז דער רעיון פון דעם סוד, וועלכער איז פון אייביקע צייטן אָן געווען פארבארגן אין ה׳ דעם באשעפער פון אלעם;

10 כדי איצט זאל נתגלה ווערן צו די ממשלות און מאכטן אין די הימלישע ערטער דורך דער קהלה די פילפאכיקע חכמה פון ה׳,

11 לויט דעם אייביקן באשלוס, וואס ער האט געמאכט אין דעם משיח יהושע/ישוע, דעם האר אונדזערן;

12 אין וועמען מיר האבן דעם דרייסטקייט און דעם צוטריט מיט בטחון דורך אמונה אין אים.

13 דערפאר בעט איך מיך ביי אייך, איר זאלט נישט אנטמוטיקט ווערן דורך מיינע צרות פאר אייערטוועגן, וועלכע זענען א כבוד פאר אייך.

14 צוליב דעם בויג איך מיינע קני פאר דעם פאטער,

15 פון וועמען אלע משפחות אין הימל און אויף דער ערד ווערן אנגערופן )מיט א נאמען(,

16 אז ער זאל אייך געבן לויט דער עשירות פון זיין כבוד, מיט גבורה געשטארקט צו ווערן אין דעם

אינערלעכן מענטשן דורך זיין גייסט;
17 אז דורך אמונה זאל דער משיח וואוינען אין אייערע הערצער; אז איר זאלט זיין איינגעווארצלט און געגרונטפעסטיקט אין ליבע,
18 כדי איר זאלט קענען משיג זיין צוזאמען מיט אלע קדושים די ברייט און די לענג און די הויך און די טיפעניש,
19 און צו דערקענען דעם משיחס ליבע, וואס שטייגט איבער דערקענטעניש, כדי איר זאלט אנגעפילט ווערן מיט יעדער שפע פון ה׳.
20 און צו אים, וואס איז אימשטאנד צו טאן פיל מער איבער אונדזער בעטן אדער טראכטן, לויט דעם כוח, וואס ווירקט אין אונדז,
21 צו אים זאל זיין כבוד אין דער קהלה און אינם משיח יהושע/ישוע לדור דור לעלמי עולמים. אמן.

# קאפיטל פיר

1 דעריבער בעט איך אייך, איך, דער געפאנגענער אינם האר, אז איר זאלט לעבן ווי עס שטייט אָן דעם רוף, מיט וועלכן איר זענט גערופן געווארן,
2 מיט יעדער הכנעה און עניוותדיקייט, מיט סבלנות, דערטראגנדיק איינער דעם אנדערן אין ליבע,
3 און זייט פלייסיק אפצוהיטן די אחדות פון דעם גייסט אין דעם קנופ פון שלום:

4 איין גוף און איין גייסט, ווי איר זענט אויך גערופן
געווארן אין איין האפענונג פון אייער רוף;
5 איין האר, איין אמונה, איין מקווה;
6 איין ג-ט און פאטער פון אלעמען, וועלכער איז
איבער אלעמען און דורך אלעמען און אין אלעמען.
7 נאר יעדן איינעם פון אונדז איז דער חסד געגעבן
געווארן לויט דער מאס פון דעם משיחס מתנה.
8 דערפאר זאגט ער:

ווען ער איז ארויפגעגאנגען אינדערהויך,

האט ער געפאנגענשאפט גענומען געפאנגען

און געגעבן מתנות צו די מענטשן.

)תהלים סח, יט.(
9 און דאס ער איז ארויפגעגאנגען, וואס באטייט עס, אויב
נישט אז ער איז אויך אראפגעגאנגען אין די נידריקסטע
טיילן פון דער ערד?
10 דער, וואס איז אראפגעגאנגען, איז דער זעלביקער,
וואס איז ארויפגעגאנגען העכער פון אלע הימלען, כדי
אלץ ממלא צו זיין.
11 און האט געגעבן אייניקע פאר שליחים, און אייניקע
פאר נביאים, און אייניקע פאר מבשרים, און אייניקע
פאר פאסטוכער און מלמדים;
12 צו דער פארפאלקאמונג פון די הייליקע פאר דעם
טאן פון דער עבודה, צום אויפבויען פון דעם משיחס
גוף,
13 ביז מיר אלע וועלן דערגרייכן צו דער אחדות
פון אמונה און דערקענטעניש פון דעם זון פון דער

איבערשטער, צום פאלקאמענעם מענטשן, צו דער מאס פון דעם וואוקס פון משיחס פולקייט;

14 כדי מיר זאלן מער נישט זיין קיין קינדער, פון כוואליעס געשטויסן און ארומגעטראגן פון יעדן ווינט פון לערנונג, דורך דער באטריגערישקייט פון מענטשן, דורך כיטרעקייט פון באטרוג צו פארפירן;

15 נאר, זאגנדיק דעם אמת אין ליבע, לאמיר אין אלעם וואקסן אין אים, וואס איז דער קאפ, דער משיח,

16 פון וועמען דער גאנצער גוף, זייענדיק צוזאמענגעפאסט און צוזאמענגעבונדן, דורך אלע געלענקען, וואס (איינס) העלפט (דאס אנדערע), וואס לויט דעם כוח אין מאס פון יעדן אבר באזונדער, מאכט וואקסן דעם גוף, זיך אויפצובויען אין ליבע.

17 דאס דאזיקע זאג איך דעריבער און באשווער אייך אינם האר, אז איר זאלט זיך מער נישט אויפפירן, ווי די אומות (העולם) פירן זיך אויף אין דער נישטיקייט פון זייער שכל,

18 וועלכע זענען פארפינסטערט אין זייער פארשטאנד, פארפרעמדט פון דעם לעבן פון ה׳, צוליב דעם אומוויסן, וואס איז אין זיי, דורך דער פארטעמפטקייט פון זייער הארץ;

19 האבנדיק פארלוירן יעדעס געפיל, האבן זיי זיך איבערגעגעבן צו צעלאזנקייט, צו טאן יעדע טומאה אין (שייכות מיט) געלטגייציקייט.

20 איר אבער האט נישט אזוי געלערנט דעם משיח;

21 אויב איר האט באמת פון אים געהערט און זענט געלערנט געווארן אין אים—ווי דער אמת איז אין יהושען/ישוען—

22 אז וואס שייך דעם פריערדיקן לעבנס־שטייגער זאלט איר אפטאן דעם אלטן מענטשן, וועלכער גייט צו גרונט פון די פארפירערישע תאוות,

23 און באנייט ווערן אינם גייסט פון אייער פארשטאנד.

24 און זאלט זיך אנקליידן דעם נייעם מענטשן, וואס איז באשאפן געווארן לויט )דעם דמות( אלקים אין צדקות און קדושה פונם אמת.

25 דערפאר טוט אפ פון אייך דעם שקר און רעדט דעם אמת, יעדער איינער מיט זיין חבר, ווייל מיר זענען אברים איינער פונם אנדערן.

26 צארנט און זינדיקט נישט. זאל די זון נישט אונטערגיין אויף אייער רוגז;

27 און גיט נישט דעם שׂטן קיין ארט.

28 זאל דער גנב מער נישט גנבענען, נאר ליבער זאל ער ארבעטן, טוענדיק גוטס מיט זיינע אייגענע הענט, כדי ער זאל האבן וואס צו געבן דעם, וואס האט נויט.

29 זאל קיין געמיין ווארט נישט ארויסקומען פון אייער מויל ארויס, נאר וואס איז גוט, וואו נויטיק, צום אויפבויען, כדי עס זאל געבן חן צו די, וואס הערן עס.

30 און באטריבט נישט ה׳ס רוח הקודש, אין וועמען איר זענט פארחתמעט געווארן ביז צום טאג פון דער גאולה.

31 יעדע ביטערקייט, און כעס און צארן און געשריי

און לעסטערונג זאלט איר אפטאן פון אייך, צוזאמען מיט יעדער רשעות;
32 ווערט אבער גוט איינער צום אנדערן, בארמהערציק, זייט זיך מוחל איינער דעם אנדערן, ווי אויך ה׳ אינם משיח האט אייך מוחל געווען.

# קאפיטל פינף

1 גייט דעריבער אין די דרכים פון ה׳, ווי געליבטע קינדער;
2 און לעבט אין ליבע, ווי אויך דער משיח האט אייך ליב געהאט און זיך איבערגעגעבן פאר אונדז אלס א קרבן און זבח צו ה׳ פאר א ריח ניחוח.
3 זנות אבער און יעדע טומאה אדער גייציקייט זאל אפילו נישט דערמאנט ווערן ביים נאמען צווישן אייך, ווי עס שטייט אָן פאר הייליקע;
4 אויך נישט קיין ניבול-פה און נארישע רייד אדער צווײדייטיקע וויצן, וואס פאסן זיך נישט; נאר ליבער )זאלט איר אפגעבן( א שבח.
5 ווארום דאס דאזיקע זאלט איר וויסן זיין, אז קיין נואף אדער אומזויבערער )מענטש( אדער געלטגייציקער, וואס איז ווי א געצנדינער, האט נישט קיין נחלה אין דעם מלכות פון דעם משיח און ה׳.
6 זאל אייך קיינער נישט פארפירן מיט פוסטע רייד; ווארום דורך די דאזיקע קומט ה׳ס צארן אויף די קינדער פון ווידערשפעניקייט.

7 ווערט דעריבער נישט קיין מיטאנטיילנעמער מיט זיי;
8 ווארום אמאל זענט איר געווען פינצטערניש, איצט אבער )זענט איר( ליכט אין דעם האר, פירט זשע זיך אויף ווי קינדער פונם ליכט—
9 ווארום די פירות פון דעם ליכט באשטייען אין יעדער גוטסקייט און גערעכטיקייט און ווארהאפטיקייט—
10 און פרובירט אויס וואס עס איז וואוילגעפעלן פאר דעם האר )ג-ט(;
11 און האט נישט קיין חברותאשאפט מיט די אומפרוכטבארע מעשים פון דער פינצטערניש, נאר ליבער זאלט איר זיי שטראפן;
12 ווארום עס איז אפילו א חרפה צו רעדן פון דעם, וואס זיי טאן אין פארבארגעניש.
13 און אלץ, וואס ווערט געשטראפט פונם ליכט, ווערט אנטפלעקט,
14 ווייל אלץ, וואס ווערט אנטפלעקט, איז ליכט. דערפאר זאגט ער:
וואך אויף, דו שלאפנדיקער,
און שטיי אויף פון די טויטע,
און דער משיח וועט דיך באלויכטן!
)ישעיהו ס, א.(
15 גיט זשע גוט אכטונג וויאזוי איר לעבט, נישט ווי נאראנים, נאר ווי חכמים;
16 אויסקויפנדיק די צייט, ווייל די טעג זענען בייז.
17 צוליב דעם זאלט איר נישט זיין נאריש, נאר איר זאלט פארשטיין וואס דעם האר )ג-טס( רצון איז.

18 און שכורט זיך נישט אָן מיט וויין, אין וועלכן עס
איז צעלאזנקייט, נאר ווערט אנגעפילט מיט דעם גייסט;
19 רעדנדיק איינער מיט דעם אנדערן מיט שירות
ותשבחות און רוחניותדיקע שירים, און זינגט און שפילט
אין אייער הארץ צום האר;
20 גיט אלעמאל אפּ א שבח צו ג-ט און דעם
פאטער פאר אלעם אין דעם נאמען פון אונדזער האר
יהושע/ישוע המשיח;
21 און אונטערטעניקט זיך איינס צום אנדערן אין דער
יראה פונם משיח.
22 זאלן די פרויען זיין )אונטערטעניק( צו זייערע
אייגענע מענער ווי צום האר,
23 ווייל דער מאן איז דער קאפּ פון דער פרוי, ווי
אויך דער משיח איז דער קאפּ פון דער קהלה; ער
אליין איז דער רעטער פונם גוף.
24 נאר ווי די קהלה איז אונטערטעניק צום משיח,
אויך אזוי זאלן די פרויען )זיין( צו די מענער אין אלעם.
25 איר מענער, האט ליב אייערע פרויען, ווי אויך
דער משיח האט ליב געהאט די קהלה, און זיך
אוועקגעגעבן פאר איר,
26 כדי ער זאל זי הייליקן, האבנדיק זי טהור געמאכט
דורך דער מקווה פון וואסער מיט דעם ווארט,
27 כדי ער זאל אוועקשטעלן פאר זיך די קהלה א
הערלעכע, וואס האט נישט קיין פלעק אדער קנייטש
אדער עפּעס דאס גלייכן, נאר אז זי זאל זיין הייליק און
אָן א פעלער.

28 אויך אזוי זענען די מענער מחייב ליב צו האבן
זייערע פרויען ווי זייערע אייגענע קערפערס. ווער עס
האט ליב זיין אייגענע פרוי, דער האט זיך אליין ליב;
29 ווארום קיינער האט נאך קיינמאל נישט פיינט
געהאט זיין אייגן לייב, נאר ער שפייזט עס און פלעגט
עס אזוי, ווי אויך דער משיח די קהלה;
30 ווייל מיר זענען גלידער פון זיין גוף.
31 דערפאר וועט א מענטש פארלאזן דעם פאטער
און די מוטער, און זיך באהעפטן מיט זיין ווייב, און די
צוויי וועלן זיין איין פלייש. (בראשית ב, כד.)
32 דאס דאזיקע איז א גרויסער סוד, איך רעד אבער
פון דעם משיח און דער קהלה.
33 דאך זאל אויך יעדער איינער פון אייך, איינער ווי
דער אנדערער, אזוי ליב האבן זיין ווייב, ווי זיך אליין;
און די פרוי זאל האבן ערעפורכט פארן מאן.

# קאפיטל זעקס

1 קינדער, געהארכט אייערע עלטערן אינם האר,
ווארום דאס איז יושרדיק.
2 האלט ערלעך דיין פאטער און מוטער, דאס איז
דאס ערשטע געבאט מיט א הבטחה;
3 כדי עס זאל דיר גיין וואויל, און דו זאלסט לעבן
לאנג אויף דער ערד. (דברים ה, טז.)
4 און איר, טאטעס, דערצערנט נישט אייערע קינדער,
נאר דערציט זיי אין דעם חינוך און אין דעם מוסר פון
דעם האר.

5 איר קנעכט, געהארכט די, וואס לויטן פלייש זענען אייערע הארן, מיט מורא און ציטערניש אין דער איינפאכקייט פון אייער הארץ, ווי דעם משיח;

6 דינענדיק נישט בלויז פארן אויג, ווי איר וואלט געוואלט מענטשן געפעלן, נאר ווי משיחס קנעכט, וואס טאן ה׳ס רצון פונם הארצן;

7 דינט מיט גוטן ווילן, ווי דעם האר און נישט פאר מענטשן;

8 וויסנדיק, אז וואס פאר א גוטס יעדער איינער וועט נישט טאן, וועט ער דאס זעלביקע באקומען פונם האר, סאי קנעכט סאי פרייער מענטש.

9 און איר הארן, טוט די זעלביקע זאכן לגבי זיי, אויפהערנדיק צו דראען, ווייל איר ווייסט, אז זייער האר און אייערער איז אין הימל, און פאר אים גיבט נישט קיין נושא פנים זיין.

10 צום סוף, ווערט שטארק אינם האר און אין דעם כוח פון זיין גבורה.

11 טוט אָן די כלי זין פון ה׳, כדי איר זאלט קענען ביישטיין די כיטרעקייטן פון דעם שׂטן.

12 ווייל דער ראנגלעניש פאר אונדז איז נישט קעגן בלוט און פלייש, נאר קעגן די ממשלות, קעגן די מאכטן, קעגן די וועלטהערשער פון דער דאזיקער פינצטערניש, קעגן די רוחות רעות אין די הימלישע ערטער.

13 צוליב דעם נעמט אייך די כלי זין פון ה׳, כדי איר זאלט זיך קענען אקייגנשטעלן אין דעם בייזן טאג, און

האַבנדיק אַלץ געטאָן, צו בלייבן שטיין.

14 דעריבער זאָלט איר שטיין מיט אייערע לענדן אַרומגעגאַרטלט מיט אמת, און אָנגעטאָן מיט דעם ברוסט שילד פון צדקות,

15 און אייערע פיס באַשוכט מיט גרייטקייט פאַר דער גוטער בשורה פון שלום;

16 און איבער אַלעם נעמט דעם שילד פון אמונה, מיט וועלכן איר וועט זיין בכוח אויסצולעשן אַלע ברענענדיקע פיילן פון דעם בייזן (שׂטן).

17 און דעם העלם פון ישועה זאָלט איר נעמען, און די שווערד פון דעם גייסט, וואָס איז ה׳ס וואָרט;

18 מתפלל זייענדיק צו יעדער צייט אינם גייסט מיט תפילות און תחנונים, און צו דעם צוועק וואַכנדיק מיט יעדער התמדה און געבעט פאַר אַלע קדושים,

19 און פאַר מיר, אַז עס זאָל מיר געגעבן ווערן אַ וואָרט ביים אויפמאַכן מיין מויל, כדי מיט דרייסטקייט מגלה צו זיין דעם סוד פון דער גוטער בשורה,

20 פאַר וועלכער איך בין אַ שליח (אַן אַמבאַסאַדאָר) אין קייטן, אַז דערין זאָל איך רעדן אַזוי מוטיק, ווי עס איז מיין חוב.

21 און כדי אויך איר זאָלט וויסן וואָס מיט מיר געשעעט און וואָס איך טו, וועט טיכיקוס, דער געליבטער ברודער און געטרייער משרת אינם האַר, אייך אַלץ צו וויסן טאָן.

22 אים האָב איך געשיקט צו אייך טאַקע צוליב דעם

דאזיקן, כדי איר זאלט זיך דערוויסן ווי עס דערגייט אונדז, און אז ער זאל טרייסטן אייערע הערצער.

23 שלום צו די ברידער, און ליבע מיט אמונה פון ג-ט דעם פאטער און פון דעם האר יהושע/ישוע המשיח.

24 זאל דער חסד זיין מיט אלע, וואס האבן ליב דעם האר אונדזערן יהושע/ישוע המשיח מיט אן אומפארדארבלעכער ליבע. אמן.

# חדשה ברית יידישער ארטאדאקסישע דער
# The New Testament in the Eastern Yiddish lanugage of Israel: Orthodox Yiddish Brit Chadasha New Testament

copyright © 2022 Artists for Israel International

Language: מזרחית יידיש (Yiddish, Eastern)

Contributor: Artists for Israel International

**Orthodox Yiddish Brit Chadasha New Testament**

Artists for Israel International
This is the Orthodox Yiddish Brit Chadashah in Hebrew script.
It has a 'sister' version called Orthodox Yiddish Brit Chadashah in Latin script, which uses the letters of the English alphabet to guide the reader in the pronunciation of every Yiddish word (in Hebrew script).
The original translator was Aaron Krelenbaum whose work was highly acclaimed when it appeared in 1949. There is also the Orthodox Yiddish Brit Chadasha Interlinear New Testament which unpacks the proper pronunciation and meaning, full interlinear available here.
To donate PayPal.Me
This translation is made available to you under the terms of the Creative Commons Attribution license 4.0.
You may share and redistribute this Bible translation or extracts from it in any format, provided that:

- You include the above copyright and source information.
- If you make any changes to the text, you must indicate that you did so in a way that makes it clear that the original licensor is not necessarily endorsing your changes.

Pictures included with Scriptures and other documents on this site are licensed just for use with those Scriptures and documents. For other uses, please contact the respective copyright owners.
Note that in addition to the rules above, revising and adapting God's Word involves a great responsibility to be true to God's Word. See Revelation 22:18-19.

2025-07-10

---

PDF generated using Haiola and XeLaTeX on 26 Jul 2025 from source files dated 10 Jul 2025
4e740b96-aef5-5788-b402-1ba23bc63b04